

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

חיי שרה
תשפ"ה לפ"ק
גליון צ"ה

## שאלה

**וויאזוי האט הקב"ה געקענט בעטן אברהם אבינו מקריב צו זיין זון יצחק? איז דאס נישט צו עקסטרעם צו פארלאנגען?**

## ענטפער:

איך פארשטיי נישט די קשיא. פארוואס נישט? וואס איז א זון? א זון איז א מתנה פונעם אויבערשטן. איז וויאזוי ווייזטו דיין הכרת הטוב פאר אזא וואונדערבארע מתנה? דו האסט אים געהאט פאר אזויפיל יארן, און יעצט נעמסטו אים און דו ברענגסט אים פאר א קרבן צו השי"ת. וואס איז די פראבלעם? איך זע נישט די קשיא. איך פארשטיי נישט די קשיא.

עס געפעלט אייך נישט דעם געדאנק?! אפילו יצחק אליינס איז געווען צופרידן. ער האט געלעבט אסאך יארן. וויאזוי ווייזטו דאנקבארקייט צו השי"ת? דו ביזט גרייט צוריקצוגעבן דיין זון אויב ער בעט. לאמיר זאגן אז איך בארג דיר מיין קאר, און דו פארסט ארום מיט מיין קאר, הנאה האבנדיג פאר עטליכע טעג, און ווען איך זאג "מיין פריינד, קענסט מיר ביטע צוריקגעבן מיין קאר מארגן?" און דו וועסט זאגן, "וואס הייסט 'גיב צוריק די קאר?! איך בין מיך מחיה דערמיט אן א שיעור. איך וויל עס נישט צוריקגעבן.'"

דער אויבערשטער גיבט אונז לעבן. זיכער, מיר ווייסן אז השי"ת וויל נישט קיינעם פון אונז צו זיין א קרבן אויפ'ן מזבח, אבער **אין לאגיק האט עס זיכער א פלאץ**. אודאי איז עס שכל'דיג. נאר דעם אויבערשטנ'ס שכל איז העכער ווי אונזער שכל. אבער אויב מיר וואלט געווען דער באשעפער, וואלטן מיר פארלאנגט אז מענטשן זאלן געבן זייער לעבן פאר אונז... אודאי וואלטן מיר. מיינט נישט אז איר זענט אזוי גוט. מיינט נישט אז איר וואלט עס נישט פארלאנגט. מיר זענען גליקליך אז הקב"ה איז בעל הבית, נישט אונז... און דערפאר, דער אויבערשטער האט געזאגט **"אל תשלח ידך"** – שטרעק נישט אויס דיין האנט. זיי נישט מקריב דיין זון. (סעיף 772#)

## שאלה

**לעצטנס איז געווען עטליכע פעלער ווען גוים אין די שכונות זענען איבערגעפאלן אידן, בפרט ישיבה בחורים. וואס איז די ריכטיגע וועג צו באהאנדלען די סיטואציע?**

## ענטפער:

וואס איז די ריכטיגע וועג צו באהאנדלען א סיטואציע ווען גענגסטער פאלן איבער פרומע בחורים? דאס וועל איך איבערלאזן פאר די עקספערטן. איך האב נישט צופיל ערפארונג אין דעם און איך וואלט ניטאמאל פרובירט צו זאגן א מיינונג אין דעם.

אודאי, די מינימום איז אז עס דארף זיין א גרויסע **וויי-געשריי**. עס דארף זיין דרוק. מען זאל עס נישט איגנארירן; נישט אוועקמאכן. אויב גענוג מענטשן וואלטן ארויסגעשטעלט א גרויסן פראטעסט, וואלטן מען באקומען עפעס רעזולטאטן; עס וואלט שוין עפעס געטון געווארן.

און דאס ברענגט אונז צו א טעמע וואס איז ווערד צו רעדן פאר א מינוט.

היינט צו טאגס ווען עס איז דא אזויפיל קארופציע, רשעות און פארברעכנס און אלע אנדערע זאכן, בלייבט עס איבער פאר די קליינע גרופע מענטשן וואס האבן א געוויסע מאס שכל – אן ארגינעלע, פרישע קלוגשאפט – זיך ארויסצושטעלן. אויב מענטשן וואלטן נאר געשריבן בריוו צו אונזער אסעמבלי-לייט, צו סיטי-קאונסיל-לייט, צו סטעיט סענעטארן, בריוו צו קאנגרעס-לייט, בריוו צו די יו. עס. סענעטארן אויף יעדע נושא; קעגן פארברעכנס, קעגן אלע אנדערע שלעכטע זאכן, מען וואלט געווען **איבערראשט** ווי א גרויסע השפעה די בריוו קענען האבן.

שטעלט אייך פאר אויב איר וואלט געשריבן איין בריוו א וואך. עס קאסט 20 צענט – איין בריוו א וואך. 50 בריוו א יאר און לאמיר זאגן

עס זיצן דא הונדערט מענטשן, אפשר אפילו מער. צי ווייסט איר וויפיל בריוו דאס איז יעדע וואך?! הונדערט בריוו יעדע וואך. דאס איז מער ווערד ווי הונדערט טויזנט מענטשן וועלכע טוען גארנישט. דאס קען האבן א גרויסע השפעה אויף די פאליסיס פון די שטאט. די פאליציי וואלט רעאגירט אנדערש. אלעס וואלט געווען אנדערש. עס איז נאר ווייל די פרומע אידן זענען טרעניר גארנישט צו טון – זיך צו האלטן שטיל. און זיי ליידן איין השפלה, איין איבערפאל נאכן צווייטן.

יעצט, איך זאג נישט מען זאל זיך צוריקשלאגן – **עס קען זיין**. איך בין נישט קעגן א גוטן זעץ אין פנים פון א באם, אבער די שאלה איז, אויב מען טוט עס נישט, צי גייען מיר עס איגנארירן? דא האבן זיי געשאסן א איד, א טאטע פון אכט קינדער; זיי האבן אים געהארגעט ר"ל. מען האלט זיך שטיל?! פארוואס זאלן נישט זיין א ווי-געשריי צו פארלאנגען צוריקצושטעלן טויט-שטראף? יעדער זאל קעמפן פאר טויט-שטראף. עס זאל ווערן א גאנצע טארערעם דערוועגן. און עס איז דא אסאך אזעלכע זאכן.

דער פאקט אז מיר טוען גארנישט לייגט די שולד אויף אונז. מען קען נישט באשולדיגן די אומ-רעליגיעזע אידן; זיי אינטערעסירט גארנישט. די פרייע אידן – זיי ווייס נישט און עס אינטערעסירט זיי נישט. אבער מיר זענען ארגאניזירט. מיר זענען אינאיינעם אונטער'ן פאן פון די תורה, איז פארוואס זאלן מיר זיך נישט ארויסשטעלן?

איך וויל אייך זאגן א סוד. איך געב אויס אסאך געלט יעדע וואך צו שיקן בריוו. איך פערזענליך געב אויס אסאך געלט יעדע וואך. **און צייט!** איך קען מיך נישט ערלויבן די צייט – איך בין זייער פארנומען. אבער איך געב אוועק אסאך צייט צו שיקן בריוו. כסדר שיק איך ארויס בריוו. אויב יעדער וואלט געשיקט איין בריוו א וואך, וואלט איר געווען איבערראשט אויף די השפעה וואס עס האט.

אסאך מענטשן וואס זענען פויל און ציניש זאגן אז עס האט נישט קיין השפעה. ס'איז נישט אמת. אסאך מאל ווען מיר שיקן א פעטיציע פון דא, פון די שול, א פעטיציע מיט דרייסיג נעמען, און דער ערהאלטער, אן אסעמבלימאן אדער קאנגרעסמאן, שיקט צוריק צו זיי דרייסיג בריוו. אויב ער קען ליינען די האנט-שריפט שיקט ער צוריק דרייסיג בריוו צו זיי אינדערהיים. איז זעט איר אז עס האט א גרויסע ווירקונג. דעריבער איז וויכטיג צו רעאגירן.

און דאס איז עפעס וואס איז גרינג צו טון. אפשר איז דא בעסערע זאכן – איך בין זיכער ס'איז דא בעסערע זאכן צו טון, אבער דאס איז גרינג צו טון. און יעדער איינער זאל רעאגירן.

אפטמאל טעלעפאן קאלס. אויב מען קען ארגאניזירן אסאך טעלעפאן קאלס צו די סענאטארן, צו די אסעמבלי-לייט און צו די קאנסיל-לייט, באקומט מען פעולות. ווייל איין טעלעפאן קאל פון עמיצן וואס איז ברייט אויף איז ווערד אין פארגלייך צו צען טויזנט מענטשן וועלכע שלאפן טיף. (טעיפ #413)

## שאלה

**וויאזוי קען א מיידל באקומען א גוטע שידוך ווען זיך קען זיך נישט ערלויבן די געלט פאר א גרויסן תלמיד חכם?**

## ענטפער:

עס זענען דא היפש גוטע בחורים צו טרעפן וועלכע בעטן נישט אסאך געלט – איך זאג אייך, איך ווייס. איר ווילט דוקא דעם כבוד פון א בחור וואס איז צוריקגעקומען פון ארץ ישראל מיט א געוויסע "לעיבל" צוגעקלעבט צו אים? ווער זאגט אז א "לעיבל" איז זיכער א ראיה אז ער איז א גוטער בחור? איך ווייס א פאל פון א גרויסער אדם גדול וואס האט גענומען אן איידעם, א באריכמטער **עילוי**. און דאן האבן זיך די צרות אנגעהויבן.

אן עילוי איז זייער א גרויסע אחריות. ווי אויך, נישט אלע עילוים זענען נארמאל. און עס האבן זיך אנגעהויבן די געשלעגן מיט די ווייב – עס איז געווען א מלחמה. און דאן האבן זיי זיך צעטיילט און ס'איז געווען דין תורה'ס און קול קורא'ס און פאשקעווילן. אוי, ס'איז געווען שרעקליך! ווילאנג זיי זענען ענדליך פטור געווארן איינער פון צווייטן. און זיי האבן באצאלט א ריזיגן פרייז צו באקומען דעם בחור!

איז זאלט זוכן א בחור וואס איז א בעל מדות טובות, און איר וועט טרעפן – דער איבערשטער וועט אייך העלפן.

אודאי דארף מען אוועקלייגן געלט פאר די טעכטער. דאס איז געווען א חלק פון מיין שמועס היינט. איר זאלט אוועקלייגן געלט פאר אייערע טעכטער. איר זאלט אפשפארן געלט פאר זיך אליינס פאר די עלטערע יארן; איר זאלט האבן אינשורענס, פארוואס נישט? הקב"ה וויל איר זאלט קער נעמען פון זיך. איז מען דארף אויך אפשפארן געלט פאר די טעכטער. אבער אין פאל איר האט נישט אפגעשפארט א מיליאן דאלאר פאר אייער טאכטער און איר קענט נישט באקומען דעם מיליאן דאלאר בחור, איז פארגעס דערפון – עס זענען דא אנדערע בחורים וועלכע וועלן זיין צופרידן מיט א פיל א קלענערע סומע.

איז "בטח בשם ועשה טוב שכון ארץ ורעה אמונה" – פארלאז זיך אויפ'ן אויבערשטן און טו וואס איז ריכטיג און ער וועט שוין קער נעמען פון דיר. איר וועט צום סוף האבן נחת פון אייער טאכטער און אייניקלעך. (טעיפ #E-39)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו info@torasavigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com



בס"ד
שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
וועכענטליך אויף אימעיל
עונג שבת
אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
נאר אידיש
עונג שבת
לה"ק-אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
לה"ק אידיש
$4.00
מרגניתין
לקט מובחר מגליונות בלשון הקודש על
פ' שמיני
שנת תשע"ה לפ"ק
נאר לשון הקודש
$1 א וואך
מועדים $3
ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק
זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

## מערכת להתענג 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

**כל טוב**